Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 176 | Łódź, Czwartek, 30 lipca 1931 r. | נייַנטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג ט"ז מנחם אב תרצ"א | № 176 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcij i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# נישט ארויסגעבען עקסמיסיעס

## געגען לאקאטארען אהן בעשעפטיגונג

## רעגירונג ארבייט אויס אזא פראיעקט

וואַרשא, 29 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) ווי מען גיט איבער, אַרבייט די רעגירונג אויס אַ פראָיעקט וועגען עקסמיסיעס.

לויט'ן דאָזיגען פראָיעקט, זאָל דאָס געריכט נישט אַרויסגעבען קיין עקסמיסיעס געגען די לאָקאַטאָרען, וועלכע וועלען קאָנען בעווייזען, אַז זיי צאָהלען נישט קיין דירה־געלד, ווייל זיי האָבן נישט קיין בעשעפטיגונג, צוליב'ן הערשענדען קריזיס.

דאָס געריכט זאָל האָבן דאָס רעכט צו פערקלענערען די צאָהל צימערען, וואָס אזא לאָקאַטאָר פערנעהמט.

### ארבייטסלאזע דעמאנסטראציע אין פרושקאוו

וואַרשא, 29 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) אין פרושקאָוו איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבייטסלאָזע, וועלכע האָבן פאַר'ן מאַגיסטראַט געפאָדערט אַרבייט און ברויט. פאָליציי האָט די דעמאָנסטראַנטן פונאַנדערגעטריבן.

## א נייער וויצע-פינאנץ-מיניסטער

### בעראטונגען פון פרעמיער פריסטאר מיט'ן מלוכה-פרעזידענט און מארשאלעק פילסודסקי

וואַרשא, 29 (טעלעפאָניש פון [illegible] קאָרעספאָנדענט) אויף די בעראַטונגען, וואָס דער פרעמיער פריסטאָר האָט אָפּגעהאַלטען מיט'ן מלוכה־פרעזידענט און מיט'ן מאַרשאַלעק פילסודסקי, זענען בעהאַנדעלט געוואָרען ווירטשאַפטליכע פראַגען.

אין רעזולטאַט פון די בעראַ[illegible] איז בעשלאָסן געוואָרען צו געבען דעם פינאַנץ־מיניסטער אַ נייעם וויצע־מיניסטער. דעם אַמט זאָל פער[illegible]מען פראָפ. וולאַדיסלאַוו זאַוואַדזקי. וועלכער איז דירעקטאָר פון דער האַנדעלס־ און אינדוסטריע־קאַמער אין ווילנע.

——=:[O]:=——

# געוואלדיגער חורבן פון א האגעל-שטורם

## אויסגעריסען 500 אלטע דעמבעס. — דער'הרג'עט א סך בהמות. — צושטערט הייזער

בריסק, 29 (ספ. טעל.) אַ גרויסער האַגעל־שטורם האָט זיך אַריבערגעטראָגען איבערן סטאָלינסקער פאָוויאַט. דער האַגעל האָט פערניכטעט פולשטענדיג די זריעות. אַ רייה הייזער זענען בעשעדיגט געוואָרען, זעהר אַ סך פרוכט־בוימער זענען פערניכטעט געוואָרען.

באַהענט פון דאווידגראַדעק זענען אַרויסגעריסען געוואָרען 500 אַלטע דעמבעס. דער האַגעל איז געוועזען אַזוי גרויס ווי אַ הינערן איי. אין דאַווידגראַדעק זענען אויסגעהאַקט געוואָרען 5000 שויבן.

ביי דער סטאַציע ווידזשעבאר האָבן די דונערן דער'הרג'עט צעהנדליגע בהמות.

## א מסירה, אז קינדער האבען פער'סמ'ט זייער פאטער

### נעכטען אויסגעגראבען דעם מת פון קבר

וואַרשא, 29 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) נעכטען 11 אַ זייגער פריה האָט מען אויפ'ן יודישען בית־עלמין אויסגעגראָבען דעם קערפער פון פערשטאָרבענעם 80־יעהריגען חיים זאַקסענבערג, הויז־בעזיצער פון פרעדרא 41, וועלכער איז געשטאָרבען דעם 2. יוני.

די מאַכט האָט בעקומען אַנאָנימער ידיעה, אַז זאַקסענבערג'ס קינדער האָבן פער'סמ'ט זייער פאָטער. דער קערפער ווערט איצט געפּלמסט ווערען, כדי פעסטצושטעלען צי די מסורה האָט אַ גרונד.

### בלינד געווארען אויף דער פלאזשע

בריסק, 29 (ספ. טעל.) אין דאמאטשאוו איז אויף דער פלאַזשע פלוצים בלינד געוואָרען דער 17־יעהריגער ווראָבלעווסקי.

קופאן № 20

2-טע סעריע

פון גרויסען

פרעמיען-קאנקורס

— פון —

„נייעם פאלקסבלאט"

כדי זיך צו בעטייליגען אין פרעמיען־קאָנקורס איז נייטיג צוצושטעלען בלויז 30 קופאָנען.

## באנק פאלסקי בעקומען 1 מיליאן דאלאר

וואַרשא, 29 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) נעכטען האָט די באַנק־פּאָלסקי בעקומען פון אויסלאַנד 1 מיליאָן דאָלאַר.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז נעכטען די בערזע געווען פערפלייצט מיט דאָלאַרען.

דער קורס אָפיציעל און נישט־אָפיציעל איז געוועזען 9.04.

דער פרייז פון תבואה איז אויך נעכטען געפאַלען.

## א נייער טראנספארט ענגליש געלד פאר פראנקרייך

פאַריז, 29 (טז) אין דער פראַנצויזישער באַנק זענען דינסטאָג ווידער איינגעפלאָסען 1967 קילאָגראַם גאָלד, אויף אַ ווערט פון 33,5 מיליאָן פראַנק.

דאנקזאגונג

אונזער לאַנגיעהריגען פערדינסטפולען פערוואַל־טונגס־מיטגלידאון עהרען־סעקרעטאר

ה' הילארי שטראוויים

פאַר זיין ביזהעריגער אפּפערוויליגער אַרבייט לטובת אונזער אינסטיטוציע דריקט אויס איהר אויפריכטיגסטען דאַנק און ווינשט איהם אויך ווייטער ערפאָלג אין זיין געזעלשאַפטליכער אַרבייט.

די פערוואַלטונג

פון „לינת הצדק" לאדז

אחרי מחלה כבדה וארוכה נפטרה בשנת השבעים לימי חיי' האשה החשובה והצנועה מרת

נ. ע.

תנה אשת ר' שמואל צבי ז"ל סטודענטקאווסקי

הלוי' תהי' היום, יום ה' עקב ט"ז אב תרצ"א בשעה 12 בצהרים ממעונה רחוב סאַלנע 6.

המודיעים בצער עמוק

בני', בנותי', חתנה, כלתה ונכדי'

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער קוזין יעקב זעליג רויטמאַן צוליב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכער פרוי

נ"ע פריידעל

איהר אָנדענקונג וועט אונז שטענדיג בלייבען אין זכרון.

מיר טרייסטען דיך מיט דעם טראַדיציאָנעלען המקום ינחם אותך בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

הערש וואלף בערקאַן און פרוי.

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען מיין ליבער מאַן, אונזער טייערער ברודער, שוואָגער און פעטער נ. ע.

דוד ב"ר לייב פעשעס

איז עלטער פון 57 יאהר.

די לוי' קומט פאָר היינט דאָנערשטאָג, ט"ז מנחם אב תרצ"א, 3 א זייגער נאָכמיטאָג פון טרויער־הויז פיעטריקאָווער 69, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

